טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

# מאמר התחזקות

א רייכע אוצר פון הלכה, חיזוק, מעשיות, אויף שמירת עינים

שנה ט • גליון 164 • מטו"מ • שנת תשפ"ו




## "איך בין דאך שוין אזויפיל דורכגעפאלן"...

איינס פון די שווערינקייטן ווען ס'קומט צו שמירת עינים, איז דער ווייטאג וואס מענטשן שפירן: "איך קען זיך טאַקע מקבל זיין פון יעצט און ווייטער אפצוהיטן מיינע אויגן, אבער **למעשה בין איך שוין אזויפיל מאל דורכגעפאלן!** כ'בין דאך שוין ממילא פארשמירט, און כ'האלט נאכנישט ביי קיין אמת'ע תשובה, **וואס וועט זיין מיט'ן עבר?!**"

אזויפיל אידן ווילן זייער שטארק אנהויבן א נייע בלעטל מיט אפגעהיטענע ריינע אויגן, אבער די מחשבות פונעם 'עבר' ברענגען זיי צו געפילן פון פאַרלוירנקייט; **מ'קוקט זיך אן ווי א דורכפאל** צוליב די אלטע מכשולות, און מ'שפירט זיך צעקלאפט אז **מ'האט נישט קיין געהעריגע וועג וויאזוי צו פארריכטן** און אפווישן די פריערדיגע דורכפעלער. דאס איז אפט א גרויסער שטער וואס האלט אפ מענטשן פון זיך טוישן און זיך באנייען אויף ווייטער.

## נישט פארטשעקען אין דער בלאטע

פילע **ספרים הק'** דערמאַנען שוין די סאָרט געפילן פון צעבראָכנקייט, און זיי ווייזן אָן דעם ריכטיגן וועג, אז כאטש וואס דער געוועגליכער דרך התשובה הייבט זיך אן מיט אמת'ע חרטה אויף די אלטע עבירות, פונדעסטוועגן איז נישט מסוגל פאר אונזערע שוואכע כוחות צו זיין פארנומען מיט'ן פאטשקען מיט'ן עבר, וואס דאס ברענגט בלויז אראפגעשלעפטקייט און עצבות, ווי מ'זעט בחוש.

## עצות פארן זומער

איש את רעהו יעזורו:

### א פרישע קבלה מיט'ן בעכער פרייטאג צונאכטס

ביי מיר ארבעט נישט א מהלך פון זיך אונטערנעמען 'אויפ'ן גאנצן זומער'. דער ענין פון שמירת עינים איז א געראנגל אויף א טאג טעגליכן פארנעם, און איין קבלה פאר'ן זומער וועט געווענליך נישט האלטן.

איך האב דעריבער געמאכט א קבלה זיך אפצוהיטן די אויגן בלויז 'איין וואך אויפאמאל'. איין וואך איז נישט אזוי לאנג, און דערנאך מאכט מען א קבלה פאר נאך א וואך, מיט אסאך סייעתא דשמיא בעז"ה.

יעדע וואך בעפאר קידוש פרייטאג צונאכטס, איז דאך א צייט וואס ס'שטייט אז מ'זאל מהרהר בתשובה זיין, ווייל מ'גייט זאגן עדות אויף בריאת שמים וארץ, דעמאלט איז מיין צייט, ווען איך קלער זיך דורך וויאזוי ס'איז געווען די פארגאנגענע וואך, און מען נעמט זיך אונטער פונדאסניי פאר'ן קומענדיגן וואך.

ב. כס"ף

המשך בעמוד ה'

## אויגן בליק

אויפגעכאפט פון דא און דארט

זייט 6

זכות הדפסת הגליון

נתנדב לע"נ
הרה"ק בעל ישמח משה זי"ע
יארצייט כ"ח תמוז

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב. אמן.

הפצת הגליון בעיר מאנטריאל

נתנדב ע"י
הר"ר פייוועל ברעכער הי"ו

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים מדי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימין הנדבן החשוב להתברך משמי מעל בכל מילי דמיטב. אמן.

קאמפיין ציל:
1000 מזכים.
צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.
מיר האלטן שוין ביי
817
מזכים!
זענט איר שוין א מזכה?
<<<

# דיין קומענדיגער נסיון איז א מתנה!

דעריבער זאל מען ווידמען בלויז א קורצע באשטימטע צייט פאר חרטה, און **בעיקר זאל מען זיין פארנומען און קאנצענטרירט אויף 'מכאן ולהבא':** אז פון יעצט און ווייטער גייט מען ברענגען א נחת רוח פאר'ן אויבערשטן! איבערהויפט איז דאס אקטועל ביי דער נושא פון 'שמירת עינים'. ס'ברענגט נישט קיין גוטס אויב מ'טראַכט צופיל צוריק פון די אלטע דורכפעלער, נאר מ'דארף לייגן דעם דגוש בלויז אויף 'וויאזוי צו זיין אפגעהיטן בעתיד'[א].

אויב א מענטש שפירט פארט אז דער עבר דרוקט אים אויפ'ן געוויסן, עס צעקלאפט אים און לאזט אים נישט גיין ווייטער, דאַרף מען זיך איינ'חזר'ן דעם גרויסן יסוד אין הלכות תשובה, וואס **חז"ל** האבן אראפגעשטעלט (יומא פו.; רמב"ם הלכות תשובה פ"ב ה"א): **היכי דמי בעל תשובה? אמר רב יהודה כגון שבאת לידו דבר עבירה וניצל הימנה, וכו' באותה אשה באותו פרק באותו מקום.**

## יעדע פינטל שמירת עינים איז אן אויטאמאטישע תשובה

דער ספה"ק **יסוד העבודה** (ח"ג פ"ב) פרעגט אויף דער גמרא: מיר ווייסן דאך אז תשובה מיינט 'חרטה', 'אפלאזן דעם חטא', און 'קבלה' אויף ווייטער. אויב אזוי, **ווי קומט דא פלוצים אריין א נייע 'פארהער',** אז מ'דארף נאכאמאל דורכגיין און ביישטיין דעם זעלבן נסיון, וואס נאר אזוי ווערט מען אנגערופן א 'בעל תשובה'?

נאר, איז דער יסוד העבודה מסביר, אז אוודאי מיינט תשובה ווען מ'האט חרטה און מ'איז מקבל זיך אפצוהיטן פון היינט און ווייטער. אבער למעשה קען מען דאך נישט וויסן צי דער מענטש האט אמת'דיג תשובה געטון, דעריבער זאגן חז"ל אז ווען ס'קומט אונטער נאכאמאל דער זעלבער נסיון און דער מענטש איז זיך אצינד מתגבר, איז **דאס ווי א 'באשטעטיגונג' און א קראנטע איבערצייגונג** אז דער איד איז טאקע א ריכטיגער בעל תשובה[ב]!

## איין קוק ווייניגער - די העכסטע שטאפל פון תשובה

אין אנדערע ווערטער: אויב א איד איז ליידער דורכגעפאלן מיט ראיות אסורות, אפילו מערערע מאל, אבער נאכדעם איז ער נאכאמאל אנגעקומען צו דעם זעלבן נסיון אויף דער גאס אדער אין אפיס, און אצינד האט ער זיך יא איינגעהאלטן, איז **דאס די גרעסטע באווייז אז ער האט זוכה געווען צו א שלימות'דיגע תשובה!** יעדע איינציגע התגברות, איז די שטארקסטע סימן אז דער איד איז א ריכטיגער בעל תשובה אויפ'ן העכסטן שטאפל!

אזוי שטייט טאקע אין **שערי תשובה לרבינו יונה** (שער א, מט)[ג] אז ווען דער יצר הרע וויל מכשיל זיין א מענטש אויפ'ן זעלבן אופן ווי פריער, און דער מענטש איז זיך מתגבר אויפ'ן נסיון: **הנה הוא לפני ה' במדרגה העליונה מן התשובה** - איז דאס די העכסטע מדריגה פון תשובה!

דאס הייסט אז ווען א איד שפירט זיך צעבראכן צוליב זיינע פריערדיגע דורכפעלער, זאל ער וויסן אז **יעדע קליינע התגברות פונעם עתיד, איז בפועל זיין שטארקסטע תשובה אויפ'ן עבר!** איין בליק ווייניגער, טוט אסאך מער אויף ווי גאר אסאך חרטה און קרעכצן, ווייל דאס איז למעשה די העכסטע דרגא פון תשובה וואס טוט אלעס פאררעכטן.

## הייב אן נעמען אחריות, וועסטו אפּווישן אלע שאדנס...

משל למה הדבר דומה: אן ארבעטער איז געווען פארנאכלעסיגט מיט זיין ארבעט, ער האט געברענגט אן ערנסטן שאדן פאר דער ביזנעס. ער שפירט זייער שלעכט און ער הייבט אן זיך אנטשולדיגן פאר'ן באלעבאס זאגנדיג ווי שטארק ער האט חרטה. זאגט אים דער ביזנעס אייגנטומער: "לאמיר זען אז **פון יעצט ווייטער זאלסטו יא נעמען אחריות און אנהויבן אקטועל צו געבן.** דאס איז וויכטיגער ווי אלע חרטות אויפ'ן עבר, ווייל דאס וועט זיין די בעסטע באווייז אז דו האסט טאקע חרטה געהאט און אז דו האסט אמת'דיג תשובה געטון".

אויב שפעטער פאסירט טאקע נאכאמאל דער זעלבער סארט פאנטשער און דער ארבעטער ווייזט אצינד יא ארויס זיין געטריישאפט און ער פארמיידט דעם שאדן, האט ער יעצט אפּגעווישט אלע זיינע טעותים פונעם עבר!

ווי אקטועל איז דאס, ווען ס'קומט צו 'שמירת עינים', וואס איז א נסיון וואס קומט אונטער אזויפיל מאל טאג-טעגליך. א איד האט אלעמאל די געלעגנהייט צו ווייזן פאר'ן רבוש"ע: "הנני! איך בין דא! מאי דהוה הוה, אבער פון יעצט וויל איך זיין ערליך, און כ'גיי זיך איינהאלטן נישט צו פאלגן דעם יצר הרע". **דאס ווישט אפ דעם גאנצן עבר און ס'איז די העכסטע דרגא פון תשובה!**

## א טרייסט פאר יעדן איד; דער חלום פון הייליגן ישמח משה

נאכמער: מיר ווייסן וואס די **ספה"ק** זאגן, אז אויך נאכדעם וואס מען האט תשובה געטון, פאדערט זיך אבער גרויסע תיקונים צו אפוואשן די שמוציגע פלעקן און פגמים. עס כאפט דאך א שרעק ווען מ'קוקט אריין אין די קדמונים וואו עס ווערן אויסגערעכנט די פילע הארבע סיגופים ותעניתים אויסצולייטערן די נשמה נאך אן עבירה. אין די ספרים ווערט דאס אנגערופן **'תשובת המשקל'**, דאס הייסט אז מען דארף זיך פייניגן און ליידן צער, קעגן די הנאה וואס מ'האט געהאט פון דער עבירה, און נאר אזוי ווערט עס גענצליך אפגעווישט.

דאס איז אויך איינע פון די זאכן וואס קענען שטערן א מענטש פון זיך נעמען אויפ'ן עתיד, וויסנדיג אז אפי' מ'טוט תשובה איז מען נאכנישט פערטיג, און ס'פאדערט זיך נאך א תשובה המשקל, און די פלעקן זענען נאך דא.

איז אבער דא א געוואלדיגער חידוש פונעם הייליגן **ישמח משה** זי"ע, וואס בלאזט אריין א שטארקע נחמה און חיזוק פאר יעדן איד, אין יעדן מצב, אז מ'זאל קענען לעבן מיט'ן עתיד און נישט בלייבן שטעקן מיט די דורכפעלער פונעם עבר.

דער ישמח משה שרייבט בכתב יד קדשו וואס **ס'איז אים נתגלה געווארן בחלום**[ד], אז כאטש וואס געווענליך איז נישט גענוג בלויז עזיבת החטא, נאר מ'דארף אויך טון א 'תשובת המשקל' - צו ליידן צער קעגן די הנאה פונעם חטא, איז אבער אנדערש אויב דער מענטש האט א צער און ס'קומט אים אן שווער זיך צוריקצוהאלטן פון אן עבירה וואס ער איז שוין איינגעוואוינט. **דער צער פון די התגברות איז אנשטאט די תעניתים און סיגופים וואס מען וואלט געדארפט מאכן!** יעדעס מאל ווען דער

א. עי' **זכרון זאת** ריש פ' מקץ, דברי יואל צו עמ' קמ"א, ושא"ס.

ב. **היסוד העבודה** מרחיב שם בענין זה, ותמצית דבריו הוא: דבאמת אין צריך לבא לכלל נסיון כדי להשיג תשובה שלימה, אלא אם שב באופן שאם יבוא עוד הפעם לידי נסיון בזה יעמוד בה, בזה כבר נחשב לתשובה גמורה, אך המציאות הוא שאין האדם יכול לעמוד על כך אם אכן שב עד שלא ישוב לכסלה עוד, אלא אם אכן בא לכלל אותו נסיון באותו מקום ובאותה אשה וכו' ועמד בנסיון אז נודע הדבר שעשה תשובה שלימה. ועוד מבאר, דאף מי שאינו שב בדרגה זו שאם יבוא עוד הפעם לידי נסיון ההוא יעמוד בו, אלא שאפשר שלא יוכל להתגבר על יצרו, מ"מ אם התחרט וקיבל על עצמו שלא לחטוא, הרי זה נחשב לתשובה, אלא שאינו תשובה שלימה, ועדיין יצטרך לאיזה מירוק בעולם הבא, אבל גם זה נחשב לתשובה, עיי"ש. וע"ע יגל יעקב מובא בספר הליקוטים רמב"ם הל' תשובה פ"ב מהדורת פרנקל.

ג. **שערי תשובה לרבינו יונה:** העיקר התשעה עשר, **עזיבת חטאו בהזדמן לו והוא בתוקף תאותו.** ואמרו רבותינו זכרונם לברכה (יומא פו:) **איזהו בעל תשובה אשר תשובתו מגעת עד כסא הכבוד. כאשר נבחן ויצא נקי באותו פרק ובאותו מקום ובאותה אשה.** רצונו לומר - כי הזדמן החטא לידו והוא בתוקף יצרו ואונו כעת הראשון אשר חטא, וכבש יצרו. ונמלט מעון מיראת השם וגאון פחדו. וכו', כי אם יבא לידי נסיון ויגיע לידו כענין הראשון יציל את נפשו מיד יצרו. **והנה הוא לפני ה' במדרגה העליונה מן התשובה.**

ד. **ספר תהלה למשה: ושם באותו נייר כתב בכתי"ק ז"ל:** ביום ר"ח אב קדמ"ת לפ"ק, **בבוקר ואני בחלומי ואלי דבר יגונב,** אם כל ימיו עשה עבירה ונשתקע


"אין אלע סארט פלעצער"

די גליון פון טהור עינים טוט אויף גאר אסאך. זיי טוען א געוואלדיגע ארבעט. עס זענען דאָ טויזנטער יונגעלייט און בעלי בתים, וואָס אַרבעטן אויף זייער שמירת עינים טראָצדעם וואָס זיי געפינען זיך אין אַלע סאָרט פלעצער פאר פרנסה. זיי זענען זיך כסדר מחזק פון די גליונות.

הרב שמעון שפיטצער שליט"א




יצר הרע מוטשעט דעם מענטש צו טון וואס מען איז צוגעוואוינט, איז נישטא קיין גרעסערע 'תשובת המושקל' ווי צו שעכטן דעם יצר הרע און אים נישט פאלגן. אט דער צער רעכנט אראפ די הנאה וואס מ'האט געהאט פון די פריערדיגע עבירות.

## די בעסטע עצה פאר אונזער דור

די ווערטער פונעם ישמח משה ווערט אראפגעברענגט **להלכה למעשה** אין שו"ת שבט הלוי (שו"ת שבט הלוי ח"ד או"ח סימן נ"ד[ה]) לגבי א שאלה וואס א בעל תשובה האט אנגעפרעגט אז מ'זאל אים מסדר זיין א תשובת המשקל אויף די אלע עבירות וואס ער האט געטון אין זיינע יונגע יארן איידער ער האט תשובה געטון.

הגאון בעל שבט הלוי זצ"ל דרוקט זיך דארט אויס מיט א צעבראכנקייט אז אין אונזער שוואכער דור איז זייער שווער ארויסצוגעבן א תשובת המשקל פון סיגופים, און ווען מ'קוקט אריין אין די ספרי הקדמונים שטעלט זיך אויף די האר פון קאפ, ואוי לנו מיום הדין.

אבער, זאגט דער שבט הלוי, אז ער האט געפינען א 'מרגליות טובה' אין די אויבנדערמאנטע הייליגע ווערטער פונעם ישמח משה, וואס **דאס איז א תקנה פאר בעלי תשובה**. כאטש וואס געווענליך איז דער כלל אז 'אין למדין מדברי חלומות להלכה', אבער **דא איז דער זאך אליין אמת!** און דער שבט הלוי ענדיגט צו, אז ער וואלט מאריך געווען איבער דעם ענין פון דברי חז"ל אויף אסאך פלעצער, אבער ער איז בכוונה מקצר: "**כי אימה ופלצה אחזוני בְּדַבְּרִי על תיקונים על פוגמי עוונות**".

אזוי שטייט אויך באריכות אין ספר **טהרת הקודש**[ו], אז ווען ס'קומט אן שווער זיך צו מתגבר זיין אויף נסיונות, און מ'האט א צער דערפון, איז דאס דער עיקר תיקון, **וואס שטייגט איבער אלע אנדערע תיקוני תשובה!** אדרבה, וויפיל מער צער מ'האט בשעת מ'האלט זיך צוריק, אלץ שטארקער ווערט פאררעכטן דער עבר.

בה ובאחרונה כשעשאה נתחרט והלך ובוכה בכיה רבה בחרטה ועזיבה לגמרי שלא יעשה עוד, נמחל לו. ואף שאם עשה רק פעם אחת העבירה לא די לו בה, אלא צריך תשובת המשקל שיסבול צער כנגד הנאה שהיה לו, **הכא עדיף טפי**, דהתם כיון שלא נשתקע בה לא הוי הפרישה לו צער כיון שלא הורגל בה, לכך צריך לצער אחד. **מה שאין כן זה שרגיל בה מאוד, אם כן הפרישה בעצמה הוא לו צער גדול** בכל עת שיצרו תוקפו לעשות המורגל, **אין לך תשובת המשקל גדול מזה שהוא זובח יצרו בכל פעם, ומחשב לו הצער כנגד הנאה,** ועל כזה נאמר (ויקרא יג יג) כולו הפך לבן טהור הוא... וכן אמרו לי על איש אחד שהיה כנ"ל, עד כאן החלום. וב"ה כי חפץ חסד הוא, עכ"ל בכת"י.

ה. **שו"ת שבט הלוי:** אשר שאל אודות בעל תשובה אחד... וכבודו בקש שאסדר לו תשובת המשקל... והעיר מתשובת נוב"י או"ח סי' ל"ה, שעע"פ שמיקל מאד למי שעסקו בתורה תמיד מ"מ מחמיר מצד אחר שלא סגי בלא סגופים ותעניות, וכ"כ בראשית חכמה דהא בלא הא לא סגי – ובאמת קשה הדבור בזה, ומי ומי יכול לסדר כהיום תשובת משקל, מי זכה לעשות תשובת המשקל סגופים נגד פגם הברית, אוי לנו מיום הדין אוי לנו מיום תוכחה, והדור חלש בגוף ובדעת, והמעיין בספרי קדמונים בזה תסמר שערות ראשו, וא"כ יפה שתיקתינו, והקב"ה מקבל שבים והוא מרחם עליהם להורותם דרך תשובה.

איברא מאז מצאתי מרגליות טובה בהקדמת סה"ק ישמח משה ח"ג מכ"ק הגה"ק הנ"ל... עכ"פ יש ויש ענין תשובת המשקל בצומות וסיגופים כאשר כל ספרי ראשונים ואחרונים מרבותינו קדושים כמלאכים מלאים מזה, אמנם בנידן דידן מצאתי תקנה על פי כי"ק של הגה"ק ישמח משה הנ"ל – **ואע"פ שאין למדין מדברי חלומות להלכה – הענין מצד עצמו יראה אמיתי** – והיה מקום אתי

המשך בעמוד ז'

# יא, איך בין שטארקער פון דיר!



**הר"ר דוד ק. הי"ו דערציילט:**

מיינע שווערע צייטן האבן זיך אנגעהויבן אלץ בחור, ווען כ'האב זיך ליידער פארטשעפעט מיט א שלעכטן חבר, און זינט דעמאלט, במשך העכער צוואנציג יאר, בין איך דורכגעגאנגען מורא'דיגע שוועריגקייטן מיט שמירת עינים. מיינע אויגן זענען נעבעך געווען הפקר. כ'האב זיך כסדר מקבל געווען פרישע קבלות, וואס האבן אנגעהאלטן מאקסימום עטליכע טעג, און דערנאך בין איך ווייטער צוריקגעפאלן, ה' ירחם.

דער אנהויב מיין ישועה איז געווען אין דעם הייליגן יום טוב פון שמיני עצרת שנת תשפ"ד, ווען כ'האב זיך אראפגעזעצט און אויסגעזאגט תהלים מיט השתפכות הנפש. כ'האב זיך ממש געבעטן צום רבוש"ע אז ער זאל מיר שוין העלפן זיין ערליך און אפגעהיטן.

די קומענדיגע חדשים זענען ליידער אריבער אן קיין ערנסטע פארבעסערונג, אבער ווייזט אויס אז א אידישע תפלה אויף רוחניות גייט קיינמאל נישט לאיבוד. אינמיטן זומער תשפ"ד האט מיר דער אויבערשטער פלוצלינג ארייננגעשיינט א ליכטיגע בליץ וואס האט ממש געטוישט מיין לעבן.

כ'האב זיך דערמאנט וואס די גמרא פארציילט אין מסכת קידושין, אויף רבי עמרם חסידא, אז ער האט געהאט גאר א שווערן נסיון, און נאכדעם וואס ער איז דאס בייגעשטאנען האט ער געזאגט פאר'ן יצר הרע: "חזו, את נורא ואנא בישרא, ואנא עדיפנא מנך' – דו ביזט טאקע פייער, און איך בין פון פלייש, אבער איך בין דיר בייגעקומען!"...

די ווערטער פון דעם הייליגן אמורא האבן מיר ממש אויפגעשאקלט. פארוואס האט רבי עמרם דאס געדארפט זאגן נאכ'ן עומד זיין בנסיון? אלא מאי, ליגט דא א טיפע עצה וויאזוי צו באזיגן דעם יצר הרע: ווען דער מענטש גייט אריין אין א נצחון געפיל, דעמאלט קען ער געוואונען קעגן דעם יצר הרע, ווייל די מאכטפולע תאוות הנצחון, איז שטארקער פון אלע תאוות וואס דער יצר הרע וויל אונז ארייננשלעפן!

ס'האט מיר ממש אנגעהויבן בוזשעווען די מחשבה אין קאפ: "איך וויל אים ווייזן!"- יא, טאקע איך פשוט'ער יונגערמאן, וואס איז שוין דורכגעפאלן אזויפיל יארן, אזויפיל אומצאליגע מאל, גיי יעצט ווייזן פאר'ן יצר הרע אז כאטש איך בין א בשר ודם און ער איז א פייער, ווער איך אים געוואונען! אנא עדיפנא מנך!

איך האב זיך נישט אונטערגענומען קיין גרויסע קבלות. איך בין פשוט ארויסגעגאנגען יעדן טאג אין גאס קאמפסגרייט מיט א ברענענדיגן תאוות הנצחון, אז "איך מוז דא באזיגן. איך מוז אים ווייזן אז איך בין שטארקער!" - דאס האט מיר געגעבן אזא אומגעהויערע שטארקייט אז צום ערשטן מאל אין מיין לעבן האב איך זיך געטראפן אפהיטן די אויגן אן קיין פשרות!

ס'איז דא דער באקאנטער פרייליכער ניגון 'אנת הוא זן לכולא ומפרנס לכולא'. איך האב דאס ארויפגעלייגט אויף די ווערטער: 'אנת, אנת, אנת נורא ואנא בישרא, ואנא עדיפנא מנך'... אט דעם ניגון זינג איך זיך אונטער ווען אימער כ'דריי זיך אויף דער גאס. דאס באגלייט מיין דערהויבענעם געפיל פון נצחון און העלדישקייט: "אפילו דו ביזט פייער און איך בין א בשר, ווער איך דיר בייקומען!"

מ'האלט יעצט אסאך חדשים שפעטער, און הודו לה' כי טוב! מיינע אויגן זענען אנגעפילט מיט טרערן פון דאנקבארקייט צו השי"ת אז איך בין אנגעקומען ביז אהער. איך האב נאך אזא ריינע אפגעהיטענע תקופה קיינמאל נישט געהאט!

די מעשה איז נאך ווייט נישט געענדיגט... איך ווייס זייער גוט אז איך בין יעדע רגע אנגעוויזן אויפ'ן אויבערשטן, אלמלא הקב"ה עוזרו אינו יכול לו. ווילאנג איך לעב, דארף איך רחמי שמים. אבער איך שיק אריין די מעשה, אפשר וועט דער זעלבער געדאנק העלפן אויך פאר אנדערע.

**טייערע אידן, פרובירט עס אויס! ס'איז מיר אוממעגליך צו שילדערן די טיפע סיפוק הנפש און שמחה וואס מען שפירט פון יעדע נצחון אויפ'ן יצר הרע. עס לוינט זיך!**

קאמפיין ציל:
1000 מזכים.
צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.
מיר האלטן שוין ביי
817 מזכים!
טהור עינים
כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו
מזכה
$25 לחודש
זענט איר שוין א מזכה? רופט שוין
845.999.4114

NUAH 845.513.0001




# אפגעהיטענעם נסיעה צו מקומות הקדושים

בראשות הגה"ח
**ר' יוסף חיים גרינוואלד** שליט"א
אינאיינעם מיט הרה"ג
**ר' מאיר צוויבל** שליט"א

ווערט א "מזכה" און געווינט דעם זעלטענעם געלעגנהייט מיטצוהאלטן דעם

### 7 טעג געהויבענע נסיעה:

פוילן-אונגארן; ליזענסק, צאנז, רומינוב, קערעסטיר, און נאך אסאך - יעדע פלאץ מיט ישוב הדעת און הייסע תפילות.

### הגה"ח ר' יוסף חיים גרינוואלד:

די גאנצע נסיעה באגלייט מיטן פה מפיק מרגליות ומעורר לבבות ישראל ר' יוסף חיים מיט קאכעדיגע דרשות.

### אפגעהיטענע נסיעה:

ספעציעלע געוויכט אויף שמירת עינים בשעת די נסיעה;
מ'פארט מיט א פריוואטן טשארטער, אינאיינעם מיט חסידים ואנשי מעשה, סקרינס אויפ'ן פליגער פארלאשן, נאר מענער מאנשאפט אויפ'ן פליגער, אין די שפעטע ביינאכט שעות ווען דער עראפארט איז ליידיג און די געשעפטן זענען פארשפאר, אפגעדינגענע האטעל בלויז פאר אידן, און נאך פיל.

### געהויבענע שבת קודש:

די נסיעה פעקעדזש נעמט אריין דעם געהויבענעם שבת קודש סמוך ונראה ביי איינע פון די מקומות הקדושים בראשות הגה"ח רבי יוסף חיים שליט"א, און הרה"ג ר' מאיר צוויבל שליט"א.

אייר תשפ"ז הבעל"ט

אין ווערד פון
**$4,000**

קאמפיין ציל:
1000 מזכים.
צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.

טהור עינים
תנה בני לבך לי ועיניך

כל המזכה את הרבים
אין חטא בא על ידו

# מזכה

$25 לחודש

פאר דיר | פאר דיינע קינדער | פאר דיין חבר | פאר כלל ישראל!

זכות בגורל:

**מזכה**

**$25 לחודש**

אדער $300

## 845.999.4114

מיר ווארטן אויף אייער טעלעפאן רוף!

גיט. געווינט. פארט!

## וויכטיגע מודעה פאר "מזכים"

אלע וואס רופן אריין אדער שיקן אן אימעיל, צו געבן חודש'ליך $25, אדער אויף איינמאל $300, וועלן אטאמאטיש אריינגיין אינעם גרויסן "נסיעה גורל".

אויך אלע וואס זענען שוין מזכים פון די פריערדיגע יארן, וועלן אטאמאטיש אריינגיין אינעם גרויסן נסיעה גורל.

**זכות הרבים תלוי בכם!**

# עצות פאר זומער

**איש את רעהו יעזורו:**

המשך מעמוד א'

## חציו לה' חציו לכם; א האלבע נומער

בנוגע די עצה אנצוטון אין גאס גלעזער אן קיין נומער. איך בין פון די מענטשן וואס האבן גאר שטארקע ברילן, עד כדי כך אז עס קען חלילה זיין א סכנה צו גיין אויפ'ן גאס אן דעם. האב איך זיך דעריבער באשטעלט א נייע פרעים מיט א גלאז וואס די נומער דערפון איז נאר האלב פון וואס איך דארף באמת האבן. אזוי קען איך ב"ה גיין אויפ'ן גאס פארזיכערט בגשמיות, און אויך אפגעהיטן ברוחניות. בדוק ומנוסה!

## אנכאפן די הייליגע ציצית

אן עצה פון מיין אייגענע ערפארונג:

ס'איז מיר אמאל איינגעפאלן א געדאנק אז ווי באקאנט האט דער הייליגער רבי ר' אלימלך זי"ע אסאך מאל געדארפט ממש אנכאפן א גשמיות'דיגע חפץ, כדי אז זיין נשמה זאל נישט אויסגיין פון דביקות און קדושה. אויב אזוי איז דאך זיכער אז ווען מ'כאפט אן א רוחניות'דיגע חפץ של מצוה העלפט דאס קעגן די טומאה.

ווען איך דארף זיך דרייען אויף די רוישיגע גאסן בין איך דאך אנגעטון מיט די הייליגע ציצית וואס איז א סגולה קעגן אלדאס בייזן. ס'איז שוין איבער א יאר וואס כ'האב זיך איינגעפירט אז יעדעס מאל ווען ס'קומט אונטער א נסיון, כאפ איך אן מיין ציצית, ווייל אויסערדעם וואס ס'איז א דערמאנונג זיך צו פירן בקדושה, ווי דער פסוק זאגט 'וראיתם אותו וזכרתם', האט עס אויך די סגולה פון אנכאפן א חפץ של מצוה. און ב"ה אז ס'העלפט מיר זייער שטארק!

אנכאפן די הייליגע ציצית באשיצט און ראטעוועט פון ראיות אסורות.

*י. פאקמאן, וויליאמסבורג*

## אונזער פאליסמאן – ספרי מוסר וחסידות

מיט יארן צוריק האב איך געהערט א טרעפליך ווארט אין א דרשה פון הג"ר אלי' פישער זצ"ל ראש הכולל גור בארא פארק, אז באמת וואלט יעדער איד געדארפט האבן א פאליסמאן וואס זאל מיטגיין מיט אים און אכטונג געבן אז ער זאל נישט נכשל ווערן, בפרט ווען ס'ווערט זומער און די גאסן זענען געפערליך.

אבער למעשה קען מען דאך נישט מיטגיין אלעמאל מיט א פאליסמאן, אויב אזוי וואס איז די עצה? האט ר' אלי' דעמאלט געזאגט אז דער פאליסמאן דארף זיין די מוסר ספרים און די חסיד'ישע ספרים! א איד דארף יעדן טאג לערנען א דאזע פון ספרי מוסר וחסידות, וואס דאס איז ווי א פאליסמאן וואס היט אפ אז מ'זאל זיך קענען איינהאלטן און בלייבן אפגעהיטן!

*יודל וויינבערגער*

## די ליכטיגקייט שיינט אריין אין די אויגן

גייענדיג אין גאס אין א זוניגע פארמיטאג, האט מיר די זון זייער שטארק אריינגעשיינט אין די אויגן, אזוי ווייט אז איך האב זיי פשוט נישט געקענט אויפהייבן צו קוקן פאראויס.

האב איך דעמאלט געקלערט צו מיר, אז אויב וואלט א מענטש אלעמאל געדענקט אז דער רבוש"ע – וואס איז דער מקור פון ליכטיגקייט און אור – קוקט מיר אריין אין די אויגן, איז דאס א געוואלדיגע שמירה אז מ'זאל זיך קענען האלטן די אויגן אויף אראפ און בלייבן אפגעהיטן!

שפעטער האב איך טאקע געזען ברענגען אז דער טאהשער רבי זצ"ל האט אמאל געזאגט פאר א איד וואס איז געפארן אויף א נסיעה קיין אויסלאנד, אז ער זאל אגאנצן צייט טראכטן און זיך מצייר זיין וויאזוי דער רבוש"ע קוקט אים אריין אין די אויגן. "והנה ה' נצב עליו ומלוא כל הארץ כבודו, ומטיב עליו ובוחן כליות ולב, אם עובדו כראוי".

*חיים כאנוויל וו.*

## כל זה איננו שוה לי

איך האב געזען וואס איר האט געשריבן אינעם גליון אז די צירוף פון חודש תמוז איז 'וכל זה אנני שוה לי', אז דאס איז די בעסטע עצה אויף שמירת עינים אז א מענטש מאכט אפ ביי זיך אז די אלע זאכן זענען שטותים און דמיונות, און ס'רעדט נישט צו מיר. דאס העלפט זייער שטארק אז מ'מאכט אוועק ביי זיך די אלע נסיונות, מ'קוקט נישט אויף יענע זייט און ס'איז נישט משנה די אלע זאכן, אלעס איז פיסטע הבלים!

איך האב געזען אין אור החיים הק' פארגאנגענע פ' פנחס, אויפ'ן פסוק צרור את המדינים ברענגט ער ארויס שטארק אז כדי נישט צו ווערן אריינגעשלעפט אין נסיונות דארף מען פאר'מיאוס'ן די זאכן, ס'טאר נישט האבן קיין פלאץ אין הארץ, נאר אזוי קען מען באמת זיין אפגעהיטן.

*רפאל אייזיק ד. מאנסי*

# שואל מדעת

גענענטפערט דורך די חשוב'ע מדריכים פון "לב להאזין"

לב להאזין 718.673.2999 קלארקייט • חיזוק • הדרכה בהמלצת גדולי ישראל שליט"א

א פלאטפארמע צו אנפרעגן יעדע שאלה אין שמירת עינים

## אויפן וועג צוריק פונעם דאקטער

## שאלה:

**איך בין א בחור וואס האט יעדע שטיק צייט אן אפוינטמענט ביים דאקטער, און כ'דארף פארן א היבשע וועג, וואו ס'איז דא אסאך נסיונות פון ראיות אסורות.**

**אויפ'ן וועג אהין בין איך ב"ה גוט אנגעגרייט מיט א שטארקן ברען זיך אפצוהיטן די אויגן, אבער נאכדעם וואס איך זיץ א לאנגע צייט ביים דאקטער, ווער אביסל אפגעקילט פון די התעוררות. איך דארף אן עצה צו קענען בלייבן אפגעהיטן אויך אויפ'ן וועג צוריק?**

## תשובה:

- ס'איז דא א כלליות'דיגע מציאות וואס מאכט זיך געווענליך ווען עס קומט אונטער א נסיון, אז בשעת מעשה ווערט מען אויסגעלאשן, און מען פארגעסט פון די אלע הייליגע הרגשים און רצונות פון די גוטע מינוטן. דעריבער איז אלעמאל וויכטיג צו מקיים זיין דעם 'שלח לחמך על פני המים', זיך אנצוגרייטן פון פריער, כדי צו זיין קלאר מיט זיך אליין וואס מען וויל באמת, און דורכדעם איז שפעטער אסאך גרינגער צו בייקומען דעם נסיון.
- ס'איז דעריבער א עצה טובה זיך אנצוגרייטן 'אויף א צעטל' די וויכטיגע נקודות אויף למעשה, וואס מ'זאל קענען געדענקן און חזר'ן אפילו ווען ס'איז שווער. בעפאר מען לאזט זיך ארויס אויפ'ן וועג, ווען מ'האט נאך דעם ברען, זאל מען אראפשרייבן עטליכע נקודות פון חיזוק, וואס מען שפירט אז דאס קען געבן די שטארקייט זיך צו האלטן אָפגעהיטן.
- צום ביישפיל, קען מען שרייבן: "איך בין א סאלדאט אין דעם אויבערשטנ'ס מיליטער. אויב איך מוז אנקומען אויף דעם פלאץ, מיינט עס אז דער רבוש"ע שיקט מיר יעצט אויף א ספעציעלע שליחות, ס'איז טאקע נישט קיין גרינגע שליחות, אבער טאקע דערפאר האב איך יעצט די געלעגנהייט צו מאכן אסאך מער נחת רוח פאר'ן רבוש"ע." אזוי אויך קען אראפשרייבן א קורצע תפלה צו מתפלל זיין אז מ'זאל דורכגיין דעם וועג אפגעהיטענערהייט.
- ווען מ'גייט ארויס פונעם דאקטער, אויפ'ן וועג צוריק, זאל מען איבערליינען דאס צעטל וואס מ'האט געשריבן פאר'ן ארויספארן.

### פארוואס דאס העלפט:

- אפילו אויב מען האט אסאך גוטע מחשבות אין קאפ, איז עס נישט קלאר ביים מענטש, און דעריבער, ווען ער איז אביסל אפגעקילט ווערט עס פארלוירן. אבער אויב ס'איז דאקומענטירט אויף א צעטל, בלייבט עס א מציאות וואס מ'קען אלעמאל געדענקן און זיך אויפפרישן דערמיט.
- בשעת א נסיון פארגעסט מען 'ווער בין איך באמת'. אבער אויב מ'האט שוין פון פריער אראפגעשריבן אויף א צעטל די אייגענע מחשבות און רצונות וואס מען וויל אמת'דיג אין הארץ, גייט די צעטל דערמאנען פאר'ן מענטש וואס ער וויל באמת.

צו פרעגן א שאלה, הערות והוספות, רופט טהור עינים 845.999.4114 עקס. 1-7
צו רעדן פערזענליך צו א מדריך, רופט לב להאזין 718.673.2999

## בערך פינף מינוט שפעטער, רופט מען מיר פון שטוב אז מען דארף גומל בענטשן

הרה"ג רבי משה בערגמאן שליט"א דערציילט: די מורא'דיגע מעשה איז געשען פארלאפענעם דינסטאג פרשת בהעלותך. איך האב עס געהערט פון דעם יונגערמאן אליין, און כ'דערצייל עס אין זיינע אייגענע ווערטער:

איך ארבעט אין דער בראנקס – דערציילט דער יונגערמאן – און איך פאר יעדן צופרי אהין פון וויליאמסבורג. דינסטאג פרשת בהעלותך אינדערפרי, זיצנדיג אין קאר ביי א "קראס וואלק" און ווארטנדיג אז דאס טראפיק-לעמפל זאל ווערן גרין, איז געווען אין גאס דארט עפעס אויסגעלאסנהייט אויף וואס א איד טאר נישט קוקן. איך האב זיך באלד אראפגעלייגט דעם קאפ אויפ'ן רעדל, טראכטנדיג אז ווען עס וועט ווערן גרין און די אנדערע קארס וועלן אנהייבן פייפן, וועל איך דעמאלט פארן ווייטער.

אזוי איז טאקע געווען. ווי-נאר די קארס האבן אנגעהויבן פייפן, בין איך געפארן ווייטער. איך האב א קוק געגעבן אויפ'ן זייגער און עס איז געווען 9:25. בערך פינף מינוט שפעטער, רופט מיר מיין פרוי און דערציילט אז מיר דארפן גומל בענטשן. "וואס איז געשען?" פרעג איך איר דערשראקן. זי האט קוים געקענט כאפן דעם אטעם און דערציילט, אז אזוי ווי יעדן אינדערפרי האט זי געגומען מיין טאכטער צום באס, און אזוי שטייענדיג נאך ביים באס, רופט זיך אן מיין טאכטער אז זי האט פארגעסן צו נעמען א סנעק פאר ריסעס.

"איך האב געבעטן דעם דרייווער צו ווארטן א מינוט," האט זי דערציילט, "ווילאנג כ'וועל ארייגלויפן ברענגען א סנעק. צוריקקומענדיג, פרעגט מיר דער דרייווער, 'האט איר אפשר א קלענער קינד, א צוויי-יאריגס בערך?' 'יא,' זאג איך. 'וואו איז דאס קינד יעצט?' פרעגט ער. 'איך מיין,' זאג איך, 'אז ער איז אין שטוב.' 'ניין, ער איז זיכער נישט אין שטוב,' זאגט מיר דער דרייווער. 'איך האב אים געזען אויפ'ן סיידוואלק און דערנאך איז ער מיר נעלם געווארן. אפשר גיט איר א קוק וואו ער איז?' איך זאג אייך אז ער איז דא ערגעץ אין געגנט.'

"וויבאלד ער האט גערעדט מיט אזא זיכערקייט, האב איך אנגעהויבן זוכן און אים געטראפן זיצנדיג... אונטער'ן באס! ער האט זיך באקוועם געמאכט הארט ביי רעדל. ווען דער באס הייבט ווען אן פארן, זאל זיך קיינער נישט פארשטעלן וואס עס וואלט חלילה געווען!"

דאס איז געשען פינקטליך 9:25. אין זכות וואס איך האב געהאלטן פארמאכט די אויגן אין יענע מינוטן נישט צו זען וואס מען טאר נישט, האט השי"ת אונז געהיטן און געעפנט די אויגן פונעם באס-דרייווער אז ער זאל זיך אומקוקן אויפ'ן קינד און אים ראטעווען פון אן אומגליק.

גליון הליכות החיים
חוקת תשפ"ב





## אחריות אויף בעלי בתים

איך דערמאן מיך יעצט אזוי רעדנדיג, מיין שווער'ס טאטע רבי הערשל (קעסטנבוים) זכרונו לברכה, ווען ער האט געמאכט די ODA, האט ער שטרענג אוועקגעשטעלט אז יעדע נורס דארף האבן א יוניפארם, מיט די כוונה אז זיי זאלן אריינקומען דארט בצניעות. דאס איז געווען ווי א תנאי קודם למעשה אז מען מוז האבן אזא רעקל, און אזוי האט געמוזט גיין יעדע נורס, און אפילו די וואס האבן געקלינט די שמוץ האבן געמוזט אזוי גיין.

עס קומען אריין פרויען אין ארבעט, אידן און להבדיל גוים, און איך רעד שוין נישט פון דעם וואס יעצט אין די זומער וואכן קומט מען אריין מיט בגדי פריצות. ס'איז דא אסאך מאל מענטשן וואס האבן וועירהאוזעס, און לא יאומן כי יסופר, דארט ארבעטן גוי'טעס, און דארט ארבעטן אויך יונגעלייט. ליגט א מורא'דיגע פליכט אויפ'ן בעל הבית צו מודיע זיין פאר די גוי'טעס אז זיי קענען נישט קומען דא אין די ארבעט אזוי אנגעטוהן, ס'איז דאך זיין אחריות. וויאזוי קען מען לאזן א גוי'טע, צי אפילו א אידישע היימישע פרוי, קומען אנגעטוהן נישט ווי עס פאסט. אסאך מאל קומען פרויען אריין אזוי נישט איידל אנגעטוהן אין אפיסעס. ליגט א מורא'דיגע אחריות אויף די בעלי בתים.

הרה"ג ר' משה ראזענפעלד שליט"א
שיעור "עם סגולה" בביהמ"ד ברך משה וומ"ס, אייר תשפ"ז

## לעצטיגע גאר געלונגענע "איך קוק נישט" מעסעדזשעס אויף שמירת עינים:










## א מתנה פאר אונזער דור!

"דער רבש"ע געבט נישט קיין נסיונות וואס א מענטש קען נישט אויסהאלטן. ברוב רחמיו האט ער אראפגעשיקט אינעם היינטיגן דור מיט אזויפיל נסיונות, די גליונות פון טהור עינים; **ס'איז א מתנה פונעם רבוש"ע; ס'געבט חיזוק, הדרכה, בפרטי פרטיות פאר יעדן איינעם.** מ'הערט דאס כסדר פון מענטשן"

הרה"ג ר' מענדל וויס שליט"א

# דיין קומענדיגער נסיון איז א מתנה!

המשך מעמוד ג'

## יעדע קלייניגקייט פונעס 'עתיד', פארברענט דעם 'עבר'!

עס פארציילט א חשוב'ער רב אז ער איז לעצטנס אריינגעגאנגען צו הגה"צ **רבי יעקב מאיר שעכטער** שליט"א און ער האט אים געפרעגט וואס מ'קען זאגן דברי חיזוק פאר אידן וואס פלאגן זיך מיט'ן ענין פון שמירת עינים. האט ער אים געענטפערט בלשונו: "**זאג זיי, אז מיט יעדע מאל וואס מען האלט זיך צוריק פון קוקן, פארברענט מען וואס מען איז נכשל געווארן אינעם עבר**", און ער האט ווייטער ממשיך געווען: "ווען זיי וועלן זיך ארייגלייגן אין קבר, וועלן די חיצונים ציטערן נאנט צו קומען צו זיי, זיי וועלן נישט קענען קומען נאנט צו זיי".

## א טעלעפאן רוף פון 'עולם האצילות'

ביי אן אנדערע געלעגנהייט האט הגה"צ **רבי יעקב מאיר** שליט"א געזאגט (קונטרס דורשי יחודך מאמר י"ד, ל"ה לח): "עס קומען ארויף ביי מיר אסאך מאל מענטשן בעטן 'תיקונים' 'תיקונים'. וואס זוכסטו תיקונים?! **מיט איין 'פארמאך די אויגן' ווי מען דארף, האסטו פארראכטן פריערדיגע נסיונות** - אמאל צען, אמאל צוואנציג, כפי דעם נסיון.

"אז א מענטש האט א נסיון, וואס מער דער יצר הרע ברענט ווי א פייער, וואס שטארקער דער נסיון איז, און ער ארבעט אויף זיך, ער איז ממליך דעם אויבערשטן אויף זיך בתוך ההעלמה, **פארריכט ער צענדליגער פגמים פון פריער!** ממש פשוטו כמשמעו! **זוכסט דיך פרעמדע תיקונים? דו האסט דאך די תיקונים אין די הענט!** זיי ממליך דעם אויבערשטן אויף דיר. **נעם נישט דעם 'עבר' און צוברעך דעם 'עתיד', נאר נעם דעם 'עתיד' און פאררעכט דעם 'עבר'!**

"מענטשן זוכט תיקונים מסוף העולם, אוודאי דארף מען גלויבן אין די תיקונים וואס איז מקובל ביי אידן, עס איז קודש קדשים. **אבער דער בעסטער תיקון איז 'תשובת המשקל'**. בשעת א מענטש האט א נסיון איז דאס א טעלעפאן רוף פון עולם האצילות, פון דעם אויבערשטן אליין: "**זיי מיר ממליך - בין איך דיר אלץ מתקן!**"- אז דו ביסט דא ממליך דעם אויבערשטן אויף אביסל שמוציגע בלוט - **פארשפארסטו זיך טויזנט יאר גיהנום!**

"מען דארף גלויבן אז יעדער נסיון וואס מען טוט ביישטיין, **מעקט מען מיט דעם אויס א פריערדיגן פגם.** דער אויבערשטער וויל דאך אז מ'זאל פאררעכטן, שיקט ער שוין צו אזעלכע סארט נסיונות, כדי מ'זאל מתקן זיין דעם עבר. איך זאג אלעמאל: "בחורים'לעך! מען זאל וויסן אז מ'האט ח"ו א נסיון - **איז עס אן עת רצון! מען קען דיר דערפאר מוחל זיין אלע עבירות!**".

להאריך בענינים אלו מדברי ש"ס ורז"ל בכמה מקומות, אך בכונה הריני מקצר, **כי אימה ופלצה אחזוני בדברי על תקונים על פוגמי עוונות.** ה' הטוב יראה לבינו הנשבר והרופא לשבורי לב ומחבש לעצבותם, יזכינו לשוב בתשובה שלמה לפניו יתברך.

1. **טהרת הקודש**, מאמר פגם המחשבה סופ"ד: כמו שהמביא עצמו לידי עבירה להרהור ח"ו גורם מה שגורם, ככה מקבל שכר אם באים אלו המחשבות בלבו והוא אינו מכניסם בלבו להרהר בהם... ותיכף נברא מזה הדחיה וההפרשה 'מלאך קדוש ונורא' המסייע לו לכל מיני קדושה, ובאותו שעה משפיל קומת הסט"א... **וזה עיקר תיקון פגם הברית יותר מכל התיקונים**, ונקרא קדוש ומקדש כל גופו ואבריו בזה, **וכל מה שמצערין אותו אלו המחשבות ביותר, אז לפום צערא אגרא**, ויותר יהא נתקן נפשו ורוחו ונשמתו בזה, ואשרי חלקו וגורלו.

וע"ע בספר **ליקוטי עצות**, ערך מחשבות והרהורים, אות ב: כשבאים על מחשבתו הרהורי זנות והוא משבר תאוותו ומסיח דעתו מהם, **זהו עיקר תשובתו ותיקונו על פגה"ב שפגם מקדם**, כל אחד כפי ענינו, **כי זהו בחינת תשובת המשקל ממש.** ע"כ אל יפול בדעתו כשרואה שמתגברים עליו הרהורים רעים ומגונים מאוד, כי **אדרבה זהו דייקא תיקונו ותשובתו**, כי דייקא עי"ז שבאים עליו עתה ההרהורים והוא מתגבר עליהם, עי"ז דייקא הוא עיקר תיקונו ותשובתו, ובזה הוא מוציא ניצוצי הקדושה שנפלו על ידי פגה"ב ואז זוכה לתקון הברית.

## ברכת מזלא טבא

לכבוד ידידינו וידיד כל בית ישראל,
לב טוב רודף צדקה וחסד

הר"ר **קלמן אליעזר לעווי** הי"ו

העומד לימינינו בכל עת ועונה

**לרגל אירוסי בנו למז"ט**

עב"ג בת הר"ר **מרדכי בר"ש פריעדמאן** הי"ו

יה"ר שירווה רב נחת דקדושה מכל יו"ח, ואך טוב
וחסד יהיה מנת חלקו כל הימים

## זכות מזכה

הרה"ג ר' **מרדכי יעקב סטרולאוויטש** שליט"א
לרגל **אירוסי בתו** למז"ט
~ ~ ~
הר"ר **שלמה יקותיאל יאקאבאוויטש** הי"ו
לרגל **הולדת נכדתו** למז"ט
~ ~ ~
הר"ר **חיים אביש לאקס** הי"ו
לרגל **נישואי בנו** למז"ט
~ ~ ~
הר"ר **יצחק ביקעל** הי"ו
לרגל **נישואי בנו** למז"ט
~ ~ ~
הר"ר **יודא פישער** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט
~ ~ ~
הר"ר **נפתלי צבי שטיינפעלד** הי"ו
לרגל **הולדת בתו** למז"ט

## על הטוב יזכר

### זכות 2000 גליונות

הר"ר **שמעון קליין** הי"ו
לרגל **הולדת בנו** למז"ט
~ ~ ~
הרה"ג ר' **מרדכי גדלי שפיטצער** שליט"א
לע"נ **מאיר משה** ב"ר **אליהו** ע"ה

### זכות 1000 גליונות

הרה"ח ר' **חיים בצלאל בלום** הי"ו • הר"ר **יואל** ברמ"ל **גליק** הי"ו לרגל **אירוסי בנו** למז"ט • הר"ר **אברהם בערגער** הי"ו לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **משה ניסים מזרחי** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **יואל** בראי"ז **קויפמאן** הי"ו לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **יואל יחזקאל לעבאוויטש** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **אברהם חיים וויינבערגער** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **אשר לעמיל** בראי"מ **לאנדא** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **נתן יושע גרינפעלד** הי"ו לרגל **הולדת בתו** למז"ט • הר"ר **יואל וויזעל** הי"ו לרגל **אירוסי בנו** למז"ט • לזכות ה**נדבן** לרגל **אירוסי בתו** למז"ט • הר"ר **יוסף כ"ץ** הי"ו לרגל **הולדת בנו** למז"ט • הר"ר **אהרן משה מרדכי פריעד** הי"ו

### מזלא טבא

הר"ר **חיים טורנהיים** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל הולדת נכדו למז"ט

הר"ר **יחזקאל האניג** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל הולדת בתו למז"ט

הר"ר **יודא ארי' לאנדא** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל הכנסת בנו לעול התוה"מ

הר"ר **יואל** בר"א **גאלדבערגער** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל אירוסי בנו למז"ט

הר"ר **מרדכי** בר"ש **פריעדמאן** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל אירוסי בתו

הר"ר **לוי יצחק שאנפעלד** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל הולדת בנו למז"ט

הר"ר **בערל אקער** הי"ו
העומד לימינינו בכל עת ועונה
לרגל הכנסת בנו לעול התוה"מ

זכות הגדולה של רבבות בני ישראל המתחזקים
מידי יום ביומו בקדושה וטהרה תעמוד לימינם
שיזכו לראות רב נחת מיוצאי חלציהם ויתברך בכל
מילי דמיטב אמן.

אלע נדבנים פונעם יעצטיגן "חדשי העינים קאמפיין" וועלן בס"ד אריינגיין אינעם גליון נאכ'ן קאמפיין

קאמפיין ציל:
1000 מזכים.
צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.
מיר האלטן שוין ביי
817 מזכים!
מזכה
כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו
$25 לחודש
זענט איר שוין א מזכה? רופט שוין
845.999.4114

בס"ד

# דו ווייסט. נישט.

## וויפיל טויזנטער אידן ווען היטן די אויגן אדאנק דיר.

קאמפיין צי׳ל:

1000 מזכים.

צו קענען ווייטער מזכה זיין כלל ישראל.

ווער היינט איינס פון די 1000 מזכים!

דער גרויסער זכות איז אומשאצבאר

ביזטו שוין א מזכה?

טהור עינים

כל המזכה את הרבים אין חטא בא על ידו

מזכה

$25 לחודש

פאר דיר | פאר דיינע קינדער | פאר דיין חבר | פאר כלל ישראל!

$600 עמוד בגליון

$360 2000 גליונות

$180 1000 גליונות

$25 לחודש זכות מזכה

845.999.4114

מיר ווארטן אויף אייער טעלעפאן רוף!

NUAH 845.513.0001